…cztowa uiszczono ryczałtem | UNZER WORT | פרייז 10 גראשען

# אונזער ווארט


## וואכען ארגאן פון „אגודת ישראל״ אין טארנא

| אבאנאמענט פרייז : | |
|---|---|
| א חודש . . . . . . . | 20 גר. |
| א קווארטעל . . . . . | 60 גר. |
| א האלב יאהר . . . . | 1.10 זל. |
| א יאהר . . . . . . . | 2.20 זל. |

פארן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: בערנארדינסקא 19
אמט שעהן: יעדען טאג פון זייגער 3 ביז 4 נאכמ.

מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

| אנאנסען פרייז : | |
|---|---|
| א זייט . . . . . . . . | 80 זל. |
| 1/2 זייט . . . . . . . . | 40 זל. |
| 1/4 זייט . . . . . . . . | 20 זל. |
| 1/8 זייט . . . . . . . . | 10 זל. |

יאהרגאנג I. | ב״ה פרייטאג פ׳ שלח תרצ״ד (סוטה מ״ו) | Tarnów, 8 czerwca 1934 | נר. 8



7 ב״ה. זונטאג פ׳ קרח א זייגער 6·30 נאכמיטאג קומט פאר אין אגודה לאקאל׳ בערנארדינסקא 19 א 7

**גרויסע מיטגלידער פארזאמלונג**

אויף וועלכער עס וועלען רעפערירען די חשובע אגודה עסקנים : ר׳ שלמה מעהר, ר׳ זלמן לייב וואלק, ר׳ חיים
ראטנער א. א. — אויף דעם טעמא : „ווער זענען דאס די אמת׳ע אחדות ברעכער צו די
היגע קהלה וואהלען״ — חברים און סימפאטיקער קומט מאסענווייז!


ב. הירשאוויץ.

# וואס איז אזוינס א יודישע קהלה?

(צו פרשת שלח)

פארשטייט זיך, אז היינט איז דער מדובר פון קהלה-וואהלען און קהלה-וועזען, וועלכע שטייען אויפן טאג-ארדנונג און ס׳איז א מ״ע שהזמן גרמא.

וועגען וואס דען, מ׳שטיינס געזאגט, זאל מען היינט שמועסען? אפשר פון דעם גוטען מאטעריעלען מצב אין וועלכען יודען געפונען זיך בזמן הזה? אזא מצב אויף אלע שונאי ישראל געזאגט...

אפשר וועגען די גבורות און נצחונות וואס יודען האבען היינט צו פערצייכנען הן ברוחניות און הן בגשמיות? אזאלכע נצחונות אויף היטלערן געזאגט... און אפשר וועגען די מנחם-מענדל סקאנדאלען וואס הערען נישט אויף אין דער יודישער גאס?

אבער ווער איז דען שולדיג אין דעם גאנצען תהו ובהו וואס הערשט אין יודישען לעבען? אויב נישט אונזערע פרומע יודען אליין. דאס שטיק אייזען, די האק קען גאר נישט טון אויב ס׳שטעקט נישט אין איהר איינער „משלנו״..

וואלטן זיך די פרומע יודען געהאלטען פעסט אין געשלאסענע רייהען און נישט גע-געבען קיין האנד צו די פושעים, „די סתור בן מיכאל׳ס״ דאן וואלט די צופוילטע מחנה פון די ראדיקאלען זיך באצייטנס געמעגט בעזארגען א „קדיש-זאגער״ און א „מצבה״

וואלטן די ציונים נישט געהאט אין זייערע רייהען די פאר באצאהלטע „רבנים״ און סתם „פוסחים על שתי הסעיפים׳דיגע חסידישע יודען״? וואלט שוין פון לאנג געווען זייער סוף אזוי ווי פונם „קקיון דיונה״.

ווי געזאגט, איז היינט אקטועל די פרא-גע פון די נאהנטע קהלה וואהלען אין אונ-זער שטאט און וועגן דעם איז אפשר יא כדאי ארויסצוזאגען אפאר ווערטער:

ס׳איז היינט א כאאטישער צושטאנד אין דער מחנה ישראל. די יודישע נשמה איז צוברעקעלט אויף שטיק-שטיקלעך אויף שטיבלעך און מנינים. די „דתן ואבירם׳ס״ וועלכע געפינען זיך צווישן אונז, בראיען ארום אין אזא צייט און זענען זיך משתדל צו פארדולען די קעפ און די מחות פון די יודישע מענשען וואס זענען כסדר פארטון אינם קאמף פארן „דא-זיין״.

דער יודישער וועהלער ווערט געצויגען פאר די פאלעס פון פארשידענע אומבארופענע וואהל-מאכערס און ער קען זיך גאר נישט אריענטירען וואו ס׳איז דער אמת און אין וועלכער ריכטונג ער זאל זיך קעהרען.

מיר וועלען דאס מאל נישט אגיטירען פאר קיין שום ליסטע צו זאגען דעם יודישען וועהלער: גיב אפ דיין שטים-צעטעל אויף דער אדער אויף יענער ליסטע, אויף די אדער אויף יענע פערזאנען!


ב״ה

**כוס ברכות!** ובתוכם ברכת מז״ט א״כ מנהיגנו הנכבד מאד חרב הגאון המפורסם, נשיא המועצה המרכזית של אגודת ישראל העולמית, ציר נאמן לשולחיו בהסים הפולני מרן **אהרן** שליט״א **לעווין** אבד״ק רישא והגליל לרגלי ארושי בנו החביב איש אשכולת סופר מצוין מר **יצחק** נ״י. — יזכה לרוות ממנו רוב נחת ולראותו על גפי מרומי ההצלחה והמעלה.

**אגודת ישראל בטרנוב.**

גם אנו מתכונים כנגד המברכים:

| | |
|---|---|
| אלי׳ געווירץ | בנימן ווסמאן |
| אהרן ראזענצוויינ | שלמה מעהר |
| זלמן ליב וואלק | מרדכי לויפער |


פאר אלעמען דארף דער יודישער וועה-לער וויסען וואס ס׳איז עפעס אזוינס יודישע קהלה, וואס זענען איהרע צילען און אויפגאבען? וואס דארף זי זיין און וואס דארף זי געבען איהרע מיטגלידער?

די יוד. קהלה איז דער ארגאן פון אונזער כלל-לעבען; איהרע צילען זענען צו בעוואה-רען און אפצוהיטען דעם רעליגיעזען כאראק-טער פון איהרע מיטגלידער און זיי געבען די מעגליכקייט אויסצופיהרען זייערע ספעציפיש-אייגענארטיגע פאלקס-טראדיציעס; די יודישע קהלה דארף זיין יודיש אין פולען זין פונםווארט און דארף שפראדלען מיט יודישקייט.

אין דער יודישער קהלה דארפען זיצען מענשען וואס זענען אדורכגעדרונגען מיט די

באדערפינישען פונם יודישען צבור, מענשען וואס האבען א זין פאר שמירת שבת, פאר כשרות און פאר טהרת ישראל.

די יודישע קהלה טאר נישט זיין קיין נעסט פאר כפירה, און נישט קיין טריבונע פאר פרייע פארטרעגע.

אין דעם טאג ווען ס'איז אויסגעפאלען די יובילעאום-פייערונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דער היגער גרויסער שול, האט מיך א פראווינצער יוד אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם „התקוה-ליד" וואס מ'האט דעמאלט גראד געזינגען און געזאגט בזה הלשון:

וואס איז דאס מיט אייך טארנער יודען? צי איז דאס א טעאטער? צו וואס טראגט איר עפעס שטריימלעך אויף די קעפ? „התקוה" און א שטריימעל? דאס קוקט נאר אויס ווי א פורים שפיל.

איך מוז אייך זאגען, רבותי אז איך בין געבליבען שטיין פאר מיין פראווינצער יוד אהן לשון און איך האב נישט געהאט וואס צו ענטפערן איהם. איך האב איהם נאר געזאגט די אדרעסען פון דער חסידישער קהלה מעהרהייט, זאלען זיי איהם געבען א געהעריגע תשובה...

* * *

„והייתם קדושים" מיר ווילען דערמאנען אונזערע ברידער, אז די יודישע קהלה דארף זיין א רעליגיעזע. מיר שטייען היינט פאר א ברענעדיגע פראגע וואס יעדער וואהל-בארעכטיגטער יוד איז מחויב צו געבען אויף איהר א תשובה.

א שווארצען פלעק אויפן הארץ וועט טראגען יעדער יוד וואס וועט צוהעלפען צו דער סטרא אחרא, אז מ'זאל זינגען לידער פון אבטריניגע אפיקורסים אין דער שוהל.

און צום אייביגען אנדענקען „לשם ולתפארת" וועט פארשריבען ווערען יעדער איינער וואס וועט צוהעלפען צום זיג פונם לעבעדיגען תורה-טרייען יודענטום איבערן צופוילטען ראדיקאליזם — „קדושים תהיו".

באמת דארף מען טאקע האבען א גרויסע מאס פון געזעלשאפטלעכער רייפקייט, כדי זיך צו קענען פונאנדערקליבען אין דעם בארג אויפרופען, פראגראמען און לאזונגען וואס ווערען געווארפען אין דער יודישער גאס, כדי מבחין צו זיין צווישען אמת און שקר, צווישען אויפריכטיקייט און פאליטישער דעמאגאגיע.

אין דער ערנסטער און פעראנטווארטליכער שעה, ווען ס'הענגט אויף דער וואגשאל די געשטאלטונג פון דעם עפענטליכען יודישען קהלה-וועזען אין אונזער שטאט, זאל זיך דער יודישער וועהלער אפשטעלען אויף א מאמענט און זיך אפגעבען א דין וחשבון, וואס ס'טוט זיך ארום איהם — ווער ס'רייסט זיך און צוליב וואס רייסט מען זיך ארום איהם.

יעדער וואס האט א חוש הראות דערזעהט באלד, אז דער גאנצער קאמף פון אלע פארטייען און פארטייעלעך (באשאפען צו וואהלען) קאנצענטרירט זיך ארום דעם רעליג. יוד, אלע רייסען זיך ארום איהם, און יעדער וויל איהם באגליקען מיט זיין צעטעל.

און כדי אריינצונארען דעם פשוטן רעליגיעזען פאלקס-מענש, ווערען מיט אמאל (פארשטייט זיך נאר אויף דער צייט פונם וואהל-קאמף) אלע שונאי הדת און אנטי-רעליגיעזע פארטייען גוט און פרום, זיי טוען זיך אן אויף דער צייט פון די וואהלען א „טלית שכלה תכלת" און א „צביעות'דיקע מאסקע פון פרומקייט" צוזאגענדיג דעם נאיווען וועהלער כל טוב. אויף א קורצע צייט טוען זיי אפווענדען די אויפמערקזאמקייט פון די ברייטע רעליגיעזע מאסען פון דעם ברען-

## אחד הרבנים.

# ראזט אייך נישט פארפיהרען!

מיר שטייען שוין נאהנט פאר די קהלה וואהלען. אין די נאהנטסטע טעג וועלען די טארנער יודען בכלל דעצידירען וועגען דעם גורל פון דער טארנער קהלה, און די רעליגיעזע יודען בפרט וועלען דארפען באווייזען — ביי דער וואהל-אורנע — צי זיי האבען פארשטאנען צו פארטיידיגען זייער כבוד און זייערע אינטערעסען, זיי וועלען דארפען באלייגען אנ'עקזאמען פון זייער פאליטישער באוואוסטזיניקייט.

# עס וועט גוט זיין...

(א מאנאלאג פון א קלוגען יוד)

מענשען זאגען, אז מיר לעבען היינט אין א דור דעה, אין א צייט פון ענטוויקעלטער טעכניק און ראדיא, ווי מענשען קענען זיך אריענטירען און וויסען וואס זיי ווילען, ווען מענשען — איבערהויפט קלוגע יודען — זענען געקומען לידי הכרה, צו וויסען און צו פארשטיין וואס גוט און וואס שלעכט איז.

אבער איך סתם יוד, וואס איך בין מיר א פשוטער בשר-ודם, אהן קונצען און אהן שפיצלעך, וואס איך האב ליב צו קוקען דעם אמת גלייך אין פנים אריין און כ'בין גאנץ ווייט פון פארקרומטע פאליטישע דרייעגישען. איך זאג אייך, רבותי, אז ס'הויבט זיך גאר נישט אן „לא מיני' ולא מקצתי'" ס'איז נישט קיין דור דעה, נאר א דור... חסר דעה... דעת... דאס זאל הייסען א דור-דעה??

דאס יודישע פאלק איז היינט, בעוונותינו הרבים, צושפליטערט און צוברעקעלט אויף שטיק-שטיקלעך: מ'רייסט און מ'צופט דעם יוד פון אלע זייטען; מ'שניידט שטיקער און מ'ווארפט עס אויף שבעה ימים.

אנשטאט וואס אמאל האט מען געמאכט איין פארזאמלונג, אויף וועלכער ס'זענען אויסגעקליבען געווארען די פרנסי הקהל ברוב דעות און די אויסגעקליבענע פרנסים זענען אריינגעגאנגען אין דער קהל-שטוב בדעה אחת צו בעזארגען זייערע וועהלער מיט אלע זייערע כלל-באדערפענישען און צו שיצען זייערע אינטערעסען — מאכט מען היינט הונדערטער פארזאמלונגען און מען פארטומעלט די מחות פון די יודישע מענשען, אז זיי ווייסען נישט אויף וואס פאר א וועלט זיי גייען ארום, און צום סוף קומט ארויס, אז ס'גייען אריין אין דער רעליגיעזער קהלה א סטאדע מיט חיות, וועלכע רייסען זיך ארום פאר די נעז, און זיי פארוואנדלען די קהל-שטוב פאר א „באיובקע-פלאץ" און פאר א טעמפעל פון מיסיאנערישע און אפיקורסישע דרשות.

יונגלעך, „נערים המנוערים מן המצוות", וועלכע ווייסען גאר נישט פון קיין יודישקייט און זיי זעהען גאר נישט אויס אויף קיין יודען, שטייען אויף און ווילען פארכאפען די יודישע קהלה. פוקסען, גרויסע און קליינע, וואס לעבען כסדר אין דער מדבר פון די גויים און פאשען זיך אויף די פעלדער פון די אומות העולם, שטופען זיך צו אונז אריין און ווילען זיין די שומרים פון אונזערע היהנער!

זיי ווילען דאס זיין די דערציהער און אפוטרופסים פון אונזערע קינדער, צו דערציהען זיי נאכן גייסט פון דער צייט און זיי מאכען פאר מענשען מיט לייטען גלייך, זיי וואס ווילען אויסוואורצלען פון די יודישע פאלקס-מאסען דעם גייסט פון ישראל סבא און זיי פארשלעפען אויף די גליטשיגע וועגען פון דער מדבר, אין וועלכער זיי טוען וואנדערן — זיי האבען היינט דעם טרויריגען מוט צו וועלען אנפיהרען מיט דער יודישער קהלה!!!

איך וויל שוין נישט רעדען פון די קאמוניסטען, בונדיסטען און פועלי-ציוניסטען, וועלכע פרעטענדירען כאטש נישט אויף דעם מאנאפאל פון יודישען פאלק — נאר אפילו די ציוניסטען, וואס טראגען זיך כסדר ארום מיט א פול מויל „יודיש פאלק". צי זענען זיי דען נישט ערגער ווי א קרעבס אויף יודישען פאלקס-ארגאניזם? צי פיהרען זיי דען נישט איבער אונזערע זוהן און טעכטער אין

פונקט פון זייער גאנצען אידעאישען קאמף, וועלכער איז געווענדעט אקייגען די רעליגיעזע פארמען און רעליגיעזען אינהאלט פונם יודישען לעבען.

אבער, זייט וויסען, אז דער קאמף איז קאנצענטרירט פאר אדער קייגען דער יודישער תורה און אמונה!

פון איין זייט שטייט דער באוואוסטזיניגער טייל פונם רעליגיעזען יודענטום וואס איז ארגאניזירט אין „אגודת ישראל" וועלכע קעמפט פאר דער דערהאלטונג פונם טראדיציאנעלען יודישען גייסט, און פון דער צווייטער זייט שטייען די איבריגע פארטייען, ציונים, מזרחיים ואביזרייהו, וואס זייערע מעשים פיהרען צו איין ציל, צו צוברעכען די יסודות פונם יודישען פאלק, פון תורה און אמונה, וואס מיט זייערע מעשים פיהרען זיי צו א פולשטענדיגער אסימילאציע און מיט זייער פארכאפען די קהלות ווילען זיי באקומען די העגעמאניע איבער דעם יודישען לעבען.

די ציוניסטישע מנהיגים קומען אצינד און חנפ'ענען זיך צו דעם רעליגיעזען יוד, צוזאגענדיג גאלדענע בערג. אבער געדענקט, אז זייערע מעשים א גאנץ יאהר זענען פונקט דער היפך דערפון.

עס איז גענוג א קוק צו טון אויף זייער חנוך ארבייט, ווי מ'לעשט אויס יעדען פונק תורה און אמונה, ווי מ'זייעט האס און שנאה צו דער יודישער תורה און צו אירע טרעגער.

ס'איז גענוג א קוק צו טון אויף זייער הפקר'דיקע יוגענד, און צו דערזעהען די סכנה

מצד זיי. יאָ, זייער חוצפה דערגרייכט שוין זייער ווייט. זיי, וואס האבען חרוב געמאכט די יודישע שטוב, צושטערט דאס אידילישע רוהיגע פאמיליען-לעבען, ארויסגערופען דעם קאמף פון די קינדער צו זייערע עלטערן. זיי, וואס פיהרען די יודישע יוגענד אין תהום פון כפירה און רציחה (די געשלעגערייען און די רציחות אינערהאלב דער ציוניסטישער מחנה יוכיחו!) זיי האבען נאך דעם טרויריגען מוט צו קומען צום רעליגיעזען יוד און ווילען אויסנארען זיין שטימע! אבער מיר ווילען האפען, אז די יודישע מענשען וועלען זיך נישט לאזען פערפיהרען פון די וואס לאכען און שפעטען אויס זייערע הייליגסטע געפיהלען, און זיי וועלען נישט אפגעבען זייערע שטימען אויף זייערע שעדליכסטע גייסטיגע שונאים, נאר אלע ווי איין מאן וועלען זיי אפגעבען זייערע שטים-צעטלען פאר די וואס קעמפען פאר אנ'אמת יודישען חנוך, פאר די וואס פארטיידיגען מוטיג און שטאלץ די אינטערעסען פונם רעליגיעזען יודענטום, פאר דער ליסטע פון אגודת ישראל נומער 7

# די דורכגעפאלענע בעלמער אספה

## (אדער די ענטוואפנונגס-קאנפערענץ איז... דער טארנער קהלה)

ויהי בימי: ווען די היינטיגע קהלה-מושלים האבען זיך פלוצים ארומגעזעהען, אז עס דראהט די שטאט טארנע א גרויס געפאהר צו פערלירען חלילה איהרע „בעסטע" פערזארגער און „אפוטרופסים" אין דער קהלה די גוט בעקאנטע „דורשי טובת הכלל", די אגודה לייט זענען ר"ל געווארען זעהר חוצפה'דיג און ווילען בשום אופן נישט מסכים זיין מיט זייערע שטימען צו פערזארגען די שטאט מיט „אמת'ע" „עהרליכע" און „ווירדיגע" פרנסים. אפילו דאס סטראשען, דאס באם די אגודה וועט מיט די ה"ה נישט שליסען אחדות וועלען זיי דערפיהרען צו א ציוניסטישע קהלה מערהייט האט אויך קנאפ געהאלפען, די לאגע הויבט אן צו ווערען ערנסט און די פאר מאנ-דאטען זענען אויף א אמת בעדראהט... און אזוי ווי מיר ווייסען דאך, אז „פקוח נפש" דוחה שבת, איז טאקע דעם פערגאנגענעם שבת פארגעקומען א גרויסע אספה פון די „דורשי טובת העיר" מיטן צוועק צו פערהיטען די שטאט טארנע פון דער דראהענדער געפאהר. נאך א לאנגע דיסקוסיע איז ענדליך דער ח' פרעזעס געפאלען אויף א געניאלען איינפאל (פארט א יוד א פקח) און א זאג געטון: רבותי! ווי איהר זעהט, איז דא איין פאסקודנע עסק, עס קאן נאך חלילה קומען דערצו, אז די טרפה'נע אגודה'ניקעס זאלען ווערען די בעלי דעה אין קהל. איהר קענט אייך פארשטעלען וואס עס וועט דאן זיין מיטן יודישקייט. עס וועט נישט זיין קיין שאול תחתית? מיר קענען גוט זייערע שולען, מ'נעמט יונגלעך מיט מיידלעך — וואס אפילו ביי די גויים ווערט עס נישט געטון — און מ'שטאפט זיי דארטן מיט מינות און מיט כפירה. מ'איז זיי מעביר למולך און מ'לערנט זיי צו האסן די יודישע טראדיציע און די יודישע מנהגים.

און די דאזיקע לייט ווילען דאס זיין די פארטרעטער אונזערע אין דער יודישער קהלה! אוי לאותה בושה! אוי לאותה כלימה!

און דאס כנופיה'לע היישעריקען, די כלומרשט רעליגיעזע פון צווישען זיי, וואס דער מזרח-ווינד האט זיי געברענגט צו טראגען אין יודישען לאגער אריין און זיי רופען זיך אן מיטן נאמען „רעליגיעזע יודען" „מזרחי", מיט זיי איז נאך ערגער ווי מיט יענעם „אומפלוט", צו וועלכען דאס פיהרט.

דאס דאזיקע כנופיה'לע איז נישט מעהר ווי א בריקעל, וואס פיהרט אריבער צום לאגער פון יענעם פערניכטענדען שטראם...

אוי, דאס בריקעל! אוי, דאס בריקעל!

כ'געדענק, אין דעם שטעטעל ווי איך בין געבוירען געווארען, איז געווען א טייך, אין וועלכען ס'זענען יעדעס יאהר אומגעקומען עטלעכע מענשען-לעבענס. פארן טייך איז געווען א זומף, און אויפן זומף איז געלעגען א בריקעל, וואס האט אריבערגעפיהרט צו יענעם טייך.

נישט איין מאל בין איך געשטאנען ביים טייך, אין נישט איין מאל האב איך מיך אפילו געבאדען אין זיין וואסער — נאר, אז איך בין ארויפגעקומען אויפן „בריקעל", האבען אלע מיינע גלידער געציטערט און ס'איז מיך באפאלען א פחד ביז גאר...

אוי, דאס בריקעל! אוי, דאס בריקעל!

און די דאזיקע איינגעזאלצענע היישעריקען ווילען פערנארען דעם סתם יוד און זיי וועלען רופען רעליגיעזע יודען צו שטימען אויף זייער ליסטע.

וואלטען דאך עהרליכע יודען בעדארפט צו טון אלץ וואס ס'איז נאר מעגליך, כדי זיך צו שיצען פון יענעם אומפלוט, כדי אוועקצויאגען די ווילדע פוקסען, אז זיי זאלען נישט ווערען די שומרים פון אונזערע היהנער, אז זיי זאלען נישט האבען די מעגליכקייט צו פערדארבען דעם יודישען וויינגארטען, און זיי זאלען נישט האבען קיין מאכט אויסצופיהרען זייער פערניכטונגס-ווערק אין דער יודישער גאס.

וואס פאר אנ'עצה איז דערצו דא?

פשוט — אלע פרומע און רעליגיעזע יודען, וואס נישט בלויז דאס שטריימעל און די זיידענע בעקישע, דאס חיצוניות און די שאָלעכץ פונם יודישקייט — איז דער גאנצער מהות, אין וועלכען ס'דריקט זיך אויס זייער רעליגיעזער פרצוף, נאר דער קרישטאל ריינער גייסט פון ישראל סבא. יודען, וואס ס'טוט זיי באמת וויי און זיי שפירען דעם צער האומה. יודען, וואס האבען א ברען פאר יודישקייט, וואלטען בעדארפט אלע ווי איין מאן זיך שטעלען צום קאמף, למלחמת מצוה, פאר דער אלגעמיין יודישער זאך, און ראטעווען וואס ס'איז נאך געבליבען צו ראטעווען.

„ויהי" — פארשטייט זיך, אז וואו א „ויהי" — איז א צרה. ויהי בימי... ווען דער מאק-דאנאלד פון דער אומפעראנטווארטלעכער ארטאדאקסיע אין טארנע איז געווען ביים רודער, האט ער צורייצט די אפעטיטען פון די פוקסען און גורם געווען, אז דאס רעליגיעזע יודענטום אין טארנע זאל זיין צוברעקעלט ביי די קומענדיגע קהלה-וואהלען.

איך וויל אבער האפען, אז אלע פרומע יודען וועלען נישט פערטאכלעווען זייערע שטים-צעטלען, נאר זיי וועלען זיי אפגעבען אויף דער ליסטע פון דער באוואוסטזיניגער ארטאדאקסיע, וואס אויף איהר פאהן איז אויפגעשריבען דער הייליקער נומער 7 — דאן וועט מען אויף זיי קענען זאגען, אז זיי זענען טאקי א דור-דעה.

ס'וועט גוט זיין!...

אוטערגעהערט פון

**ב. פעטשמאן.**

כשר'ע מילך און קיין טיי פאר דעם שפיטאל... און כשר'ע פראדוקטען אין קאסטען פרייז... פאר די ת"ת מלמדים. און ר"ל א סאדיגורער שוחט. עס קען נאך די לייט השם ישמרנו איינפאלען צו געבען געלט פאר דער „לובלינער גימנאזיע". הבה נתחכמה, עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה ווי צו שאפען א בלאק פון אלע פארטייען און... בזכות תפלת רבים וועלען מיר ד. ה. די אמת'ע שטאט פארזארגער פטור ווערען פון אונזער איינציגער דאגה... סוף כל סוף קומט דאך אונז שכר טרחה...

דער צווייטער פרעזעס איז גלייך דערצו מסכים, ער האט שוין די זאך דורכגעשמועסט מיטן מזרחי פיהרער, וועלכער איז ביי איהם א גאנצער בן בית, איבריגענס האבען דאך די ציוניסטען צו אונז גארנישט, מיר האבען דאך זיי בכבוד גדול אבגעגעבען די שוהל פאר דעם ציוניסטישען יונגווארג פון ביידע געשלעכטער מיט זייערע פעהנער לכבוד דעם ציוניסטען „יובל".

די קלוגע עצה איז טאקע יעדען געפעלען און אויף זונטאג אווענד איז באלד צוזאמענגערופען געווארען די ערשטע זיצונג פון דער... ענטוואפנונגס-קאנפערענץ אין קהלה לאקאל. אויף דער זיצונג זענען פארשטייט זיך געקומען אלע „נכבדי העיר" און אויך סתם יודען, ביי וועלכע עס איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען קיין אפעטיטלאזיקייט...

דער ערשטער האט זיך מתעטף געוועזן אין א טלית שכלה שלום, דער „אימפרעסאריא" אליין אין ווארימע ווערטער געגעבען צו פארשטיין ווי וויכטיג עס איז פאר דער שטאט דער אחדות. ביי וואהלען איז דאך מעגליך פערשידענע סיורפריזען. גראד די וועלכע זענען באמת נוצלעך און וויכטיג פאר דער שטאט קענען חלילה...

עס נעמט דאן דאס ווארט א פארשטעהער פון די ציוניסטען, וועלכער איז מסביר אז די ציוניסטען זענען אייביג פאר א שלום ביי יודען. אלס בעוויז קען דינען דער פאקט פון די סיים וואהלען פון יאהר 1930 ווי די ציוניסטען האבען דורכאויס געוואלט שלום מיט דער אגודה און די ציוניסטישע פיהרער האבען שוין בעוויליגט געוועהלט צו ווערען באדיי מיט... אגודה שטימען. נו, קען זיין א גרעסער נאכגיביקייט? נאר צוליב די חוצפה-דיגע אגודה איז דער אחדות געבראכען געווארען, זיי האבען געהאט די העזה צו פערלאנגען א נישט-ציוניסט אין פוילישען סיים. ווער ווייסט דען נישט, אז די ציוניסטען זענען מסכים אז אויך אגודה יודען זאלען האבען פולע רעכט... צו געבען געלט פארן קק"ל און קרן היסוד. נו, קען מען נאך פערלאנגען פון אונז גרעסערע קרבנות? וועמען איז דען נישט בעקאנט, אז אונזער „פיהרער" יצחק גרינבוים איז געוועזען דער ערשטער קאנדידאט אויף דער נאבעל פרעמיע פאר שלום... אויך ביי די איצטיגע קהלה וואהלען ווילען מיר אויך נאר שלום. מיר ברויכען נישט קיין מאנדאטען, מיר האבען א בענקעל אין סיים און עס האט נישט דערויף ווער צו זיצען, אלץ צוליב דעם שלום בית אין דער ציוניסטישער מחנה. מיר פערלאנגען נאר איין זאך: אזוי ווי אין אונזערע רייהען געפונען זיך א גרעסערע צאהל אדוואקאטען, ביי וועלכע מען קען דאך נישט פערלאנגען פון איין אדוואקאט ער זאל פיגורירען אויף דער ליסטע נידריגער פון א „כאלאטשארז" פון דער „טשעמנער מאסע". אונזער עצה איז אלזא, אזוי ווי א ליסטע שטעלט זיך צונויף פון 40 קאנדידאטען זאלען די ערשטע 20 זיין פון די קאנדידאטען פון אונזער פארטיי און די אנדערע 20 וועלען מיר אויסקלויבען פון צווישען די אנדערע פארטייען. עס איז גענוג א גרויסער קרבן פון אונזערע אדוואקאטען צו וועלען פיגורירען אויף איין ליסטע צוזאמען מיט פראסטע בעלי בתים אהן א יורידישע אויסבילדונג... איהר קענט אייך אלזא איבערצייגען ווי אמת און אויפריכטיג מיר מיינען מיטן שלום.

דער פרעזעס, נאכן אדורכשמועסען זיך אויג אויף אויג מיט די ציוניסטישע אדונים און זיך אויך ווי געהעריג אסעקורירט... איז פולשטענדיג מסכים מיטן פארשלאג פון די ציוניסטען.

עס נעמט דאן דאס ווארט דער פארשטעהער פון דער אגודה, וועלכער לערנט מיטן עולם א פרק אגודיזם — אז די אגודת ישראל שטייט אויפן שטאנדפונקט א רעליגיעזע קהלה פאר רעליגיעזע יודען זאלען די אדוואקאטען פארטרעטען אין די געריכטען. די אגודה קען מוותר זיין אויף דעם גרויסען כבוד צו פיגורירען אויף איין ליסטע מיט אדוואקאטען. אגודת ישראל האט די ערשטע געווארפען די לאזונג אין דער ארטאדאקסישער וועלט: ארטאדאקסישער יוד! האב דרך ארץ פאר זיך אליין, לאז נישט פארטרעטען דיינע בלוטיגע רעליגיעזע אינטערעסען דורך אזעלכע וואס לאכען ציניש פון דיינע רעליגיעזע געפיהלען וואס חוזקן אב פון אלעם וואס איז אונז יודען הייליג און טייער. „שליחו של אדם כמותו" אלס דיין שליח מוזטו שיקען אזאלכען וואס האט דיזעלבע איבערצייגונגען וואס דו, וואס איז בערייט צו קעמפען פאר כבוד התורה און קדשי האומה. מיר זענען נישט קיין „אסעקוראציע-געזעלשאפט" דאס מען זאל זיך ביי אונז קענען פערזיכערן די בעדראהטע מאנדאטען און מיר וועלען זיך נישט לאזען שפייען אין פנים אריין פון די ציוניסטען, זיי זאלען בודק זיין צי אונזער חשובער פון אלעמען געאכטעטער פערדינסטפולער ר' אהרן ראזענצווייג איז ראוי צו קאנדידירען צי נישט. מיר זענען שוין אויף אזוי פיל פאליטיש רייף, אז מיר זאלען זיך קענען אויף אייערע „טריקען" און מיר זענען איבערצייגט, אז אויך דער יודישער וועהלער קען זיך אויף אייערע קאמעדיעס און ספעציעל דער רעליגיעזער וועהלער וועט אייך איבערצייגען, אז אויב עס עקזיסטירט א ארטאדאקסיע אין טארנע, איז עס די, וועלכע גרופירט זיך ארום דער ערהאבענער פאהן פון אגודת ישראל.

ביי דער „פעסטשטעלונג" פון פרעזעס, אז די אגודה האט „געבראכען" דעם אחדות איז די כעלמער אספה זיך צוגאנגען שיער נישט אונטער די קלאנגען פון „התקוה".

**א עד ראי.**

---

# ווישטשיגעס איז קהל-שטוב

## (קליינער פעליעטאן)

**פערדלעך:** מיר זענען גרייט, נישט באלאמוטשען. שפאנט איין! ארויף דעם כאמעט! און... וויא! — — —

**כאמעט:** פ-ר-ר-ר... לאשאקעס... פריהער מוזט איהר געמוסטערט ווערען.

**פערד:** (מיט גלאצעדיגע אויגען) הא? וואס הייסט? א פערד איז א פערד.

**כאמעט:** ס'איז אמת, אז איהר האט גרויסע קעפ. אבער פארט נאר פערדס-קעפ... זייט וויסען. אז כדי צו שטייען אין דער רייהע מוזט איר האבען דיזעלבע קוואליפיקאציעס וואס אונזערע פערד מיט די בלוי-ווייסע צייכענס האבען.

**פערד:** (צומישט) וואס הייסט?

**פאסטרונקאווע:** ע! נישט גוט! געוואלד! וואס וויל מען?

**דאס ענגלישע:** (מיט א געמאכטען שמייכעל) ע... „קוואליפיקאציעס" מיינט מען. מ'דארף זיין געדולדיג. פשוט, מ'דארף צונעמען קללות און שמוץ באהבה און דערנאך ווייטער הכנעה'דיג בייגען דעם קאפ.

**פאסטערונקאווע:** טאקי אזוי כאמעטל?

**כאמעט:** (מיט א שמייכעל) אזוי, אזוי איהר זעהט וואס ענגלאנד הייסט? כאטש א פערד. אבער „חכמה" האט עס דאך... אמת, אמת, אזוי איז עס.

**פאסטרונקאווע:** (מיט א פנים שוחקות) אויב אזוי, ענגלישער פקח, זענען מיר געראטעוועט. אויב מיין זכרון נארט מיך נישט אויס, האסטו שוין באלייגט עקזאמען אויף די ווישטשיגעס אין מאגיסטראט ביי דער מעשה פון „ברית מילה" איבריגענס, האסטו דא אויך א גאנץ גוטע פריפונג באלייגט.

**פערדלעך:** הי-הי-הי... (פריילעך) געראטעוועט, געראטעוועט! ס'איז א שאד צו באלאמוטשען, הייבט דעם שענקעל! שפאנט ארויף דעם כאמעט און וויא! —

**כאמעט:** (מיט כעס) וואס קומט ארויס? מיט אייך, פערד, בין איך שוין פארטיג אבער דער בעל הבית וויל נישט. ס'איז א חשבון אהן דעם בעל הבית... צוריק אין שטאל אריין, לאשאקעס!

**גדי בן סוסי.**

---

ב"ה, טארנא יע"א.

ברכת מזל טוב חמה ונלבבה אני מברך את שאר בשרי, אהוב נפשי המופלג בתו"י המהולל מו"ה מנחם ברגמן נ"י לנשואיו עב"ג הבתולה חי' וואלפינגער תחי' מרישא.

יהי דרככם סוגה בשושנים לששון לב כל אהוביכם.

ש"ב לוי הופמייסטער.

Redakcja i Administracja „Unzer Wort" Tarnów, ul. Bernardyńska 19.

Wydawca Organizacja „Agudas Isroel" w Tarnowie. Redaktor odpowiedzialny Abraham Kohane.

Drukiem Izaka Engelberga w Tarnowie ul. Lwowska 10.